# דרשה נלהבה

## ע״י הגה״צ ר׳ **יעקב מאיר שעכטער** שליט״א

### במסיבת ״חבר״ לקהלת ברסלב בעיר בית שמש

# איבער דעם געפאר פון טעכנאלאגיע

איך האב נישט דעם כח, איך האב נישט דעם מח צו רעדן, אזא שריפה וואס טוט זיך אויף דער וועלט. איך וועל דערציילן א זאך וואס איז פארגעאנגען היינטיגן טאג ביי מיר. איך בין ארויס פון מקוה, איך האב געטראפן א פיינער יונגערמאן, ער האט א שטוב מיט קינדער, ער האט שוין חתונה געמאכט - מסתמא - [עטליכע] קינדער, גייט ער צו, צו מיר, ער גיט מיר א צעטל מיט א נאמען פון זיין טאכטער, אן ערליכע אידישע טאכטער, איך זאל מתפלל זיין ער זאל טרעפן פאר איר א גוטן ערליכן שידוך ווי עס באדארף צו זיין. נאכדעם זעה איך עס שטייט נאך א נאמען, זאג איך אים, ״זי שטייט אויכעט אין שידוכים? האט ער אנגעהויבן צו וויינען, איך האב אים נישט געקענט אפילו קוקן אין פנים. קוים ארויסגעכאפט פון אים אווארט, [האט ער געזאגט] מתוך בכיי נוראה זי האלט נישט ביים נעמען אן ערליכן בחור, זי האלט נישט ביים טון אן אידישן שידוך. [איך האב] נישט געקענט אויסהאלטן.

**זי האלט נישט ביים נעמען אן ערליכן בחור, זי האלט נישט ביים טון אן אידישן שידוך...**

פונקט איז נזדמן געווארן, נאך איינער האט עס געהערט, און ער האט מברר געווען אז עס איז אן ערליכע שטוב, אלע גייען אין גוטען וועג, ס׳איז א פיינע שטוב, א גוטע שטוב מיט אלע הידורים, די טאכטער איז צוגעקומען צו אזא מצב, וויל נישט האבן קיין אידישער שידוך, עס איז געווארן פון א סעלפאון - נישט קיין כשר׳ע, פון דעם איז געווארן די גאנצע זאך ביז עס איז צוגעקומען צו די מדריגה אז דער טאטע איז [דארף זיין] פון אייזן אז ער פאלט נישט אין די גאס, א שרעקליכער ווייטאג!

מען שלאפט, א געוואלדיגער קרירות, א מורא׳דיגע קרירות ביי אונז, מען שלאפט, און עס איז אַראָפּ אויף דער וועלט אזא אבי אבות הטומאה, די כלי משחית וואס איז באנייט געווארן אויף דער וועלט אין אונזערע צייט, דער ס״מ אליין האט זיך מלבש געווען אין דעם, חרוב מאכן ביי אידן דעם קדושת היסוד אויף א געפערליכער אופן, אויף א געפערליכן אופן, מטמא זיין אידישע קינדער, ווי קען מען דאס אויסהאלטן?!

עס איז דא א פסוק, ׳לכן הרחיבה שאול נפשה, ופערה פיה לבלי חוק׳, עס איז א פסוק אין ישעי׳ [ה, יד] ׳לכן הרחיבה שאול נפשה׳, דער שאול איז געווארן זייער גרויס, מען קען זייער גיך אריינפאלן! און מען קען זייער טיף אריינפאלן, ׳ופערה פיה׳, זי האט געעפנט א גרויסן מויל איינצושלינגען אידישע נפשות, הייליגע אידישע קינדער, מטמא זיין אידן, מטמא זיין אידישע בחורים׳לעך, מטמא זיין אידישע קינדער, געוואלד געוואלד!!! ׳לבלי חוק׳ - דער תרגום יונתן זאגט, ׳ופערה פיה לבלי חוק׳, זאגט דער תרגום יונתן ׳ופתחה פומה ונאסף׳ [זי עפענט דעם מויל און מ׳ווערט פארלענדעט], פשוטו כמשמעו, אזא מצב איז דאס, דער התפשטות מיט די טומאה זאל זיך אזוי נתפשט זיין אויף אזא גרויסן אופן, אויף אזא שטארקן אופן אן א סוף, איז מעולם נישט געווען אזא טומאה וואס האט זיך מתפשט געווען אזוי שטארק אויפן גאנצן כדור הארץ. דער התפשטות פון די כלי משחית און די חללים וואס דאס האט גע׳הרג׳עט און עס הרג׳ט רח״ל, שומו שמים אין וואספארא מצב מיר געפונען זיך!

רח״ל, אידישע קינדער, אידישע טעכטער, עלטערע מענטשן, מבוגרים [ערוואקסענע], ביודעים ובלא יודעים, ווער ווייסט וויפיל עס איז דא בלא יודעים רח״ל?! שומו שמים! די יודעים זענען שוין צוגעקומען צו אזא מדריגה אז - עס שטייט ׳ומצח אשה זונה הי׳ לך מאנת הכלם׳, מען שעמט זיך נישט צו זאגן כפירה, מען שעמט זיך נישט צו זאגן אפענע כפירה?! עס איז דאך א געוואלדיגע [בזיון] - אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, א נברא וואס מיר זענען אזוי.. [שוואך און מאכטלאז] אין איין רגע זענען מיר גארנישט, איין באקטעריע אין א גוף איז מען שוין פארלוירן רח״ל, האט מען אזא חוצפה, אן דעם רבוש״ע וועט מען זיך אויכעט מסדר זיין?! אן דעם רבוש״ע וועט מען זיך אויכעט מסדר זיין?! אזא חוצפה האט מען?! אזוי פארזיכערט איז אים?! די ביסל יארן וואס ער וועט .. וועט ער אנקומען אן דעם רבוש״ע אויכעט?! רח״ל פון די חוצפה באקומט מען נאר טומאה.

דער רבי [הרה״ק רבי נחמן מברעסלאוו זי״ע] זאגט כמה פעמים, דער פגם הברית איז פארבונדן מיט אמונה, און אמונה איז פארבונדן מיטן פגם הברית, עס איז תלוי זה בזה, וואס מער א שומר הברית מען ווערט, איז מען מער מאמין, וואס מער מען איז מער מאמין, ציטערט מען מער צו דערצערנען דעם אייבערשטן, ׳אלקיהם של אלו שונא זימה׳, בפרט פון אידן, אפילו פון גוים, פון דור המבול - האט דער אייבערשטער געזאגט אז ער איז א שונא זימה.

און דאס איז א זאך וואס מען ווייסט נישט ווי ווייט צו אכטונג געבן. ערליכע קינדער, ערליכע שטיבער? איז דא שכנים, איז דא חברים, איז דא חבר׳טעס! נאכמער, ווען די נו״ן שערי טומאה האט אויפגעטון א זאך, עס איז .. געווען בושה, בושה איז געווען ביי גוים, ביי גוים איז געווען בושה. און דער דור המבול האט ממציא געווען אזאך, עס איז נישטא קיין בושה, עס איז נישטא קיין בושה רח״ל.

אז מען האט קינדער, ווער זענען די חברים? צו וועמען רעדט ער? רח״ל! ווי קען מען אויסהאלטן?! אז א מאמע האט א ספק טאמער אז א קינד איז ארויף אויף א דאך פון 10 שטאק, וואס דארטן איז נישטא קיין מעקה, און ער שפילט זיך דארטן, קען די מאמע שלאפן?! אין אזא מצב זענען מיר. ה׳ ירחם, ה׳ ירחם, מיר קענען נישט קיין זאך טון, נאר שרייען און בעטן צום אייבערשטן, בעטן דעם אייבערשטן, דאס איז די אתערותא דלתתא וואס מען קען עפעס טון. האב רחמנות, האב רחמנות, ׳מתי תרחם ציון׳, ׳ציון׳ איז שמירת הברית, ׳מתי תמלוך בציון׳, ווען וועסטו מולך זיין? דער עיקר מלכות שמים איז שמירת הברית ביי א אידן, דער עיקר מלכות שמים.

דער רבי ברענגט אַראָפּ א זוהר אז וועגן דעם איז אַראָפּ א איד אויף דער וועלט, נאר וועגן דעם, דער עיקר וועגן דעם, האבן א יצה״ר און נישט נאכגעבן, אויף דעם איז מען אַראָפּ אויף דער וועלט.

מען דארף זיך נישט ערגערן פונעם יצה״ר, עס איז נישטא קיין עבירה צו האבן א יצה״ר, מען דארף וויסן, נישט פאָלגן דעם יצר הרע, דאס איז די המלכה. אן דעם יצה״ר איז נישט קיין יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, נישט פאָלגן דעם יצה״ר, זיך נישט איבערשרעקן.

[ר׳ נתן] זאגט אין ליקוטי הלכות אויב מען באקומט אמאל א שטארקן יצה״ר, [טראכט דער מענטש צו זיך] ״אוי, ווי ער קוקט אויס!״. [אבער] ווער זאגט דיר אז דו קוקסט אזוי אויס? דער אייבערשטער וויל דו זאלסט אים ממליך זיין! ער שיקט דיר א יצה״ר, זיי אים ממליך! ער שיקט דיר א גרעסערן יצה״ר? זיי אים אויכעט ממליך! ער שיקט גאר א גרויסער יצה״ר? זיי אים שטארק ממליך! דאס איז ׳ונמליכך׳, אז מען ענדיגט שוין מיטן יצה״ר, גייט מען שוין אהיים.

עס איז ממש אן עבודה זרה וואס געפינט זיך אין אלע שטיבער, און אין אלע קעשענעס, און אין אלע מקומות אין דער וועלט. און מיט א שרעקליכע משיכה, מער ווי די אמאליגע עבודה זרה, מער ווי די אמאליגע עבודה זרה. עס קומט זייער גרינג רח״ל, איינס און צוויי, און מען איז זיך מדבק צום ס״מ אליין, צום מוות. איך האב געזאגט פורים, ׳ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב, את המות ואת הרע׳, ׳טוב׳ איז ׳חיים׳, ׳רע׳ איז ׳מות׳. דאס איז דער ׳מוות׳, דער גאנצער מוות וואס איז דא אין די בריאה, איז די טומאה, דערפאר רופט אים אן דער רבי ׳אבי אבות הטומאה׳.

דער חיד״א ברענגט אַראָפּ אז רבינו הקדוש ווען ער איז געקומען מאכן קידוש נאכן שטארבן, זאגט ער, ער האט מוציא געווען ממש, ווייל ער איז געווען ריין פון פגם הברית, איז ער נישט געשטארבן, האט ער געקענט ממש מוציא זיין ווי ווען ער לעבט, עס האט נישט שולט געווען אויף אים קיין מוות.

דער חסד לאברהם פרעגט פארוואס איז [געווען מיתה ביי] די אבות זיי זענען דאך געווען ריין - תוס׳ זאגט אז די אבות זענען געווען ריין אפילו במחשבה - אין אדם וואס איז ניצול עליו בכל יום. זאגט ער, ווייל עס איז דא צדיקים וואס דארפן דוקא שטארבן און נקבר ווערן, צו טון א טובה די אלע וואס האבן געשטארבן, סוכ״ס וועלן די צדיקים ראטעווען די וועלט, אזוי שטייט אין חסד לאברהם. אבער אזא מוות שלא הי׳ לעולם, שלא הי׳ לעולם. און א מוות וואס עס דוכט זיך אז עס איז ׳חיים׳,

**מען דארף זיך נישט ערגערן פונעם יצה״ר, עס איז נישטא קיין עבירה צו האבן א יצה״ר, מען דארף וויסן, נישט פאָלגן דעם יצר הרע!!!**

# דער לעבן, דער אידישע לעבן איז שמירת הברית, דאס איז 'חיים',

רח"ל פון דעם שקר פון דעם בלאף, פון דעם שקר פון דעם בלאף, עס דוכט זיך אז עס איז 'חיים'?! בשעת ער ווייסט נישט ווען ער וועט נסתלק ווערן, מען ווייסט נישט ווען, ער וועט אפגעבען א דין וחשבון - רח"ל - און ער איז מעיד אז דאס איז חיים, אז ער דינט דעם שוא, ער דינט דעם שוא אז דאס איז חיים, און פארבייט דאס פארן רבוש"ע, פאר תורה, פאר תפלה, פאר נצחיות, פאר חוקי חיים, פאר זיו השכינה פארבייט מען אזא טומאה. אבער אויף די וועלט איז דאס זה לעומת זה, און אפשר נאכמער רח"ל. א שרעקליכער כח המושך, ממש עבודה זרה, מען האלט עבודה זרה'ס אין די קעשענעס.

איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען - עס איז דא א גמרא 'הרהורי עבירה קשין מעבירה', ווער עס לערנט, פאלט אים איין די קשיא, אז מען טוט עבירה, איז דאך שוין דא הרהורי עבירה אויכעט, ווי קען זיין אז הרהורי עבירה זענען קשין מעבירה? יעדער עבירה איז דא הרהורי עבירה? האב איך געקלערט - די כלי משחית, די כלי משחית זענען מעורר אזא תאוה, און אזא נועם אין א תאוה, וואס ביים עבירה שפירט מען דאס נישט. רח"ל, דער יצה"ר רעדט אים איין אז דאס איז אים געשמאקער פון אן עבירה, עס איז 'הרהורי עבירה קשין מעבירה', ווייל בשעת מען האט אן עבירה, האט מען נישט אזא חשק אין מח צו דעם, אין לו מח.

די חסיד'ישע ספרים זאגן, אז פארוואס איז 'הרהורי עבירה קשין מעבירה'? ווייל אז א מענטש איז מרומז אויף היכע ענינים, איז וואספארא העכערע אבר, באלאנגט אויף אן העכערן פלאץ. דער מח, אז מען זינדיגט מיטן מח, מען איז נואף מיטן מח רח"ל, דער אייבערשטער האט געגעבן א מח זאלסט האבן אביסל שכל מען זאל קענען לעבן אויף דער וועלט, מען זאל קענען פארשטיין א שטיקל גמרא, מען זאל קענען זאגן א קאפיטל תהלים, מען זאל קענען בעטן דעם אייבערשטן, מען זאל קענען וויסן וואס צו טון אויף דער וועלט. און בפרט א אידישער מח, קודש קדשים. א מח וואס גלייבט אין בורא עולם, א מח וואס ווען עס פאלט אים אריין שלעכטע מחשבות איז מען מסיח דעת למען שמו ית', א הייליגער מח. נעמט מען אריין - אזויווי טיטוס הרשע - א זונה אין קודש הקדשים רח"ל, דאס איז נאך ערגער ווי טיטוס, אזוי ווערט געבראכט, ווייל [דער איד] ער האט נישט פון דעם אלעם [פון די טומאה] קיין מקור און עס [דער מח פון א איד] איז גאר אן היכן פלאץ.

דער רבי זאגט אין תורה ז', אז אידן זענען אזוי ווייט פון עבירות, מען קומט פון אזא היכן פלאץ און אזוי ווייט פון עבירות, מען האט נישט קיין שייכות צו אן עבירה, די אלע עבירות נעמט זיך פון די טומאה וואס האט זיך אנגעטשעפעט אין אונז ביים עץ הדעת, אבער אונז אליין, אלס איד, האבן מיר קיין שייכות נישט צו קיין עבירות. און דא נעמט מען און מען פארלעשט דעם חלק אלקי ממעל. מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן, פון צדיקים ביי אידן איז דאך אלעמאל א נקודה ביי אן ערגסטן שבערגסטן, אז ער קען תשובה טון, אלע קענען תשובה טון. און דאס וועט דער אייבערשטער העלפן, און דאס וועט דער אייבערשטער העלפן, אונז קענען דאס נישט טון, דאס קען נאר טון, דער בורא עולם אליין.

און בזכות - דער זוה"ק זאגט אז די גאולה וועט קומען - אפי' א 'כנישתא חדא' וואס וועלן זיך האלטן גוט אינעם אייבערשטן וועט קומען די גאולה שלימה. ווי מען זעהט ביי סדום, 'אולי יש חמשים צדיקים, ארבעים צדיקים', צו קענען ראטעווען די גאנצע שטאט.

די זאך וואס מיר קענען טון, פשוט מתפלל זיין, 'תרחם על ציון כי היא בית חיינו', דער לעבן, דער אידישע לעבן איז שמירת הברית, דאס איז 'חיים', וואס איז - 'מבשרי אחזה אלקי', מתפלל זיין 'ולעלובת נפש', עס איז דא אזויפיל צובראכענע אידן, צובראכענע נפשות ברוחניות ובגשמיות, בעטן בפשטות אז אלע אידן, אלע אידן זאלן תשובה טון, אלע צובראכענע הערצער זאלן גאנץ ווערן, סיי אז מען איז צובראכן ברוחניות, סיי אז מען איז צובראכן בגשמיות. בעטן דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער האט אַפָאר אידן וואס מען ווייסט אז עס איז ביטער, שרייען "רבוש"ע, פארלעש די שריפה, מיר קענען נישט, מיר קענען נישט בשום אופן נישט!", אבער שרייען קען מען, בעטן קען מען! דאס איז דער אתערותא דלתתא, בעטן דעם אייבערשטן. איך האב נעכטן געזעהן א בריוו פון ר' חיים זאנענפעלד, פירט ער אויס, "אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן תשובה טון, און איך אויך צווישן זיי".

און טאקע די זאך פון גדרים, מיין אייניקל האט גערעדט פון דעם, מאכן גדרים, נאך א גדר, נאך א גדר, נאך א גדר, "כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה, אתה מוצא קדושה", מען דארף מאכן גאר שטארקע גדרים אז עס זאל זיין א רוח אין שטוב, אז אלע, די גאנצע שטוב זאל וויסן אז וואס עס האט עפעס א שייכות צו כלי משחית, עס האט א שאלה פון כלי משחית, דארף אנטלויפן פון דעם, "עס האט א שייכות צו כלי משחית!". אזא רוח דארף זיין אין אידישע שטיבער, און דאס איז די אתערותא דלתתא, אונז קענען גארנישט, אונז דארפן מאכן א אתערותא דלתתא, און די ישועה אמיתית קומט פון אייבערשטן.

דער זוה"ק זאגט אז צדיקים זענען אזוי גרויס, 'אין סוף ואין תכלית', אזוי גרויס זענען צדיקים. ווי קען זיין? א מענטש איז דאך א מוגבל?! נאר קען זיין עס איז פשוט, זיי האבן געמאכט א אתערותא דלתתא ווי עס באדארף צו זיין, אז דער אייבערשטער האט זיי געגעבן, אז זיי זענען ווערד געהאט [געווארן] אז מען זאל זיי געבן אזא אתערותא דלעילא וואס איז 'אין סוף ואין תכלית'.

אונז זענען זיך דא צוזאמגעקומען מאכן אז יעדער איינער זאל ווערן א חבר אין דעם, און זיין שטארק אין דעם, און מנדר זיין. קינדער דארפן וויסן אז דאס איז א טריפה זאך, א טריפה זאך, אפילו א זאך וואס האט א שייכות צו דעם, עס ווערט א רוח אין שטוב, א רוח אין שטוב כאטשיג, אז עס איז א טריפה זאך. סיי ביי אונז איז קאלט, און זיי - ביי די וואס ווערן נכשל נעבעך נעבעך - ווערן אויכעט קאלט, און מען ווייסט נישט וואס זיי האבן זיך געמאכט אומגליקליך, רח"ל רח"ל.

דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט - דער זוה"ק זאגט 'אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי', גייט אויף שמירת הברית, אן שמירת הברית דארף נישט דער אייבערשטער די בריאה. דער סימן איז געווען אז איין שומר הברית איז געווען - נח, האט געראטעוועט כל התורה כולה, איין שומר הברית האט געראטעוועט די גאנצע בריאה. וועגן דעם האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, ווייל עס האט געדארפט זיין א רוח קדושה פון שמירת עינים, פון זיך מרחיק זיין פון כלי משחית וכדו' וכדו'.

נאך אזאך, עס איז דא א געוואלדיגע טעות, עס איז דא אן הלכה אין הל' צניעות, אמאל קעגן אן אשה וואס גייט נישט אזוי צנוע טאר מען נישט ליינען קיין קרי"ש, טאר מען נישט זאגן קיין אידיש ווארט, אבער אן אשה קעגן א צווייטע אשה, מעג יא זאגן א אידיש ווארט, מיינען זיי אז אן אשה מעג האבן הרהורים, .. וויבאלד זי האט נישט קיין הרהור ביי אזא .. מעג זי זאגן א דבר שבקדושה, אבער עס איז נישט קיין היתר, 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם' איז א לאו פון די שס"ה לא תעשה'ס, א אשה טאר נישט קוקן וואו מען טאר נישט, עס איז מעורר א הרהור, זי טוט דערצערענען דעם אייבערשטן מיטן הייליגן מח.

טאקע די זאך, בעטן צום אייבערשטן.. איך האב דערציילט יעצט א מעשה וואס דורך א טעלעפאון איז קאליע געווארן א אידישע טאכטער, דאס איז דאך א טיפה מן הים.. [פארקראכן] ווייט אין דער וועלט. א מאן וואס זאגט [פאר] זיין ווייב, [אויף זיך אז] ער איז א גוי, ער איז א מחלל שבת, ער איז אן אפיקורס, גארנישט, לכבודה לאזט ער פירן די קינדער אין חדר, אָפן, זי ווייסט דאס, און זיין טאטע ווייסט דאס, און די שוויגער ווייסט דאס, דער שווער ווייסט דאס, ווייסט וואו ער האלט שוין, וואו ער האלט שוין?! מיט אזא חוצפה?! און ווער ווייסט וויפל האבן נישט די חוצפה, און עס איז ביטער און פינסטער..

אונז ווייסן דער ענין טאקע פון חצות, חצות איז טאקע אן ענין פון 'מתי תרחם ציון, תבנה חומות ירושלים', 'ציון' איז יסוד, 'חומות ירושלים' איז יראת ה', בעט כאטשיג אז מען זאל האבן די יראת שמים, בעט אז דו זאלסט האבן יראת שמים, דיינע קינדער זאלן האבן יראת שמים, דיינע אייניקלעך, דיינע אור אייניקלעך, זיי זאלן נישט דערצערנען דעם אייבערשטן.. קינדער און קינדער'ס קינדער עד סוף כל הדורות. כאטשיג דאס, בעטן און שרייען, דאס איז דער אתערותא דלתתא, אז דער אייבערשטער זאל געבן א העלף ווי ער קען, ווייל דער אייבערשטער וועט דאך אוודאי העלפן, נאר מיר דארפן ווייזן דעם אייבערשטן.

סוף כל סוף וועט דאך זיין - 'ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ', היינט איז נישטא, זינט אדם הראשון איז באשאפן געווארן טוט זיך נישט קיין זאך אן קיין אתערותא דלתתא, אז עס שטייט 'ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ', און בזכות וואס מיר שלאגן זיך מיט די טומאה, ווי [אזוי] מיר קוקן אויס, ווינציגער עבירה, ווינציגער טראכט, ווינציגער .. [יעדעס ביסל ווינציגער, און יעדע פעולה איז גאר גרויס] מער גערעדט וועגן אמונה, מער גערעדט וועגן יראת שמים, דאס איז אונזער אתערותא דלתתא, און בזכות דעם וועט זיין 'ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים'

**בפרט א אידישער מח, איז דאך א קדשי קדשים. א מח וואס גלייבט אין בורא עולם, א מח וואס ווען עס פאלט אים אריין שלעכטע מחשבות וואס דאס איז נאך ערגער ווי טיטוס, איז מען תיכף מסיח דעת פון דעם למען שמו ית', א הייליגער מח.**

נתפרסם בקרית יואל וואכנשריפט